כי תבא תשפ"ד
גליון 208

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינְדער זָאלְט איר מודיע זיין
וָואס דָא הָאט זיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

# בִּכּוּרִים אֱלוּל תשפ"ד

טַייעֶרע קינְדֶער איךְ וויל אַייךְ פְּרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה. הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען בִּכּוּרִים?!

וָואס איז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, נִישְׁט קַיין כֹּהֵן גָּדוֹל, נִישְׁט קַיין מִזְבֵּחַ וואו אַרָאפְּצוּלֵייגְן דִי קָארְבּ מִיט פְרִישֶׁע פְּרוּכְט פוּן דִי שִׁבְעַת הַמִּינִים. נָא, וֵוייסְטוּ שׁוֹין אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה, זִיכֶער קֶען מֶען נִישְׁט!

אָבֶער נֵיין, עֶס איז גְרָאדֶע יָא דָא אַזַא בְּחִינָה פוּן בִּכּוּרִים אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן, חֹדֶשׁ אֱלוּל תשפ"ד, אֲפִילוּ פַאר אַזַא אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גָארְטְן מִיט פְּרוּכְט בֵּיימֶער אִין פָארְנְט פוּן זַיין דִירָה, עֶר וואוֹינְט גְרָאדֶע אוֹיפְן פִּיפְטְן שְׁטָאק...

אָקֶעי, אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט... אִיךְ לֵייגְן שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מַיינֶע זַייטִיגֶע פְּלֶענֶער, מַיינֶע וִויכְטִיגֶע עִנְיָנִים, אוּן אִיךְ גְרָאד אוֹיס מַיין רוּקְן גְלַייךְ מִיט אָנְגֶעשְׁפִּיצְטֶע אוֹיעֶרן גְרֵייט צוּ הֶערְן.

אָה, אַ הַאלְבֶּע תְּשׁוּבָה הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעזָאגְט, דִי בִּיסְט גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן דוּ בִּיסְט דָא, דָאס אִיז פוּן דַיין זַייט אַ הִתְחַדְּשׁוּת, בִּיסְט גְרֵייט צוּ הֶערְן עֶפֶּעס נַיי, וַוייל דֶער עִיקָר חִיּוּב פוּן בִּכּוּרִים וַוייזְט אוֹיף הִתְחַדְּשׁוּת, פְרִישְׁקֵייט!

אַ אִינְגְל, אַ בָּחוּר, אַ טַאטֶע אָדֶער יֶעדֶער אִיד דַארְף וִויסְן אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט.

דָאס מֵיינְט אֱמוּנָה! מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַ מַתָּנָה, "אֱמוּנָה", אַז קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אוּנְז נִישְׁט צֶעמִישְׁן, וַוייל מִיר גְלֵייבְן אַז אַלֶעס קוּמְט אוּן וֶוערְט גֶעטוּן דוּרְךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

כְּדֵי דָאס צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען פַארְלַאנְגְט זִיךְ הִתְחַדְּשׁוּת, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְרִישְׁן. אַז אֲפִילוּ אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם לָבָן הָאֲרַמִּי הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעפָּאפְּט אוּן פַארְכַאפְּט אִין זַיין זַאק אוּן דִי שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַ פַארְלָאשֶׁענֶע לִיכְט, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זָאגְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים וִדּוּי בְּשַׁעַתְ'ן בְּרֶענְגֶען דִי בִּכּוּרִים: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר פְּרִיוַואט הָאסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מַיין בִּיטֶערְן גָלוּת, הָאסְטוּ מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן צַדִּיק, אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן ווָאונְדֶער וָואס דוּ טוּסְט צוּ מִיר".

עֶס אִיז אוֹיךְ דָא אַ פָּסוּק הַיינְטִיגֶע פַּרְשָׁה, אַ בַּאקַאנְטֶע פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת" אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם", דִי אַלֶע פְּסוּקִים שְׁטֵייעֶן אַיין נֶעבְּן דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז אַ אִידִישׁ קִינְד קֶען זִיךְ יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע שָׁעָה, יֶעדֶע רֶגַע זִיךְ בַּאנַייעֶן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וִוי טִיף דֶער מֶענְטְשׁ אִיז לַיידֶער גֶעפַאלְן,

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

"הַיּוֹם!!" הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן פְּרִישׁ מִיט אַ בַּאנַייאוּנְג ווערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן דֶער תּוֹרָה, 'בְּרֵאשִׁית' בִּשְׁבִיל בִּכּוּרִים שֶׁנִּקְרָא רֵאשִׁית, דֶער עִיקָר בַּאשַׁאפוּנְג פוּן דֶער גַאנְצֶער בְּרִיאָה אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי זַאךְ, 'בִּכּוּרִים', בַּאנַיי זִיךְ! אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוּן קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן דִי בְּרִיאָה וִוי עֶס וָואלְט הַיינְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דָאסְנַיי, וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַזוֹי, דִי וֶועלְט אִיז נַיי, יָא! מִיר זָאגְן דָאס יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען "וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂי בְרֵאשִׁית," דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גוּטְסְקֵייט בַּאשַׁאפְט יֶעדְן טָאג דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי בַּיים אָנְהֵייבּ בַּאשַׁאפוּנְג, אַיי דִי וֶועלְט קוּקְט אוֹיס אַזוֹי אַלְט, מִיט אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן אַמָאלִיגֶע צָרוֹת, דָאס אִיז אַלֶעס בַּיי אוּנְז אִין מֹחַ. לָאמִיר אַוֶועקְוַוארְפְן אוּנְזֶער נַארִישֶׁע שֵׂכֶל, אוּן בְּרֶענְגֶען אַ פְּרִישֶׁע בִּכּוּרִים אוּן זִיךְ פַארְגִינֶען צוּ זִינְגֶען אַ נִיגוּן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב.

נָא, גֶעגַאנְגֶען אַ צְוֵויי מִינוּט הוֹדָאָה!!, דַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיין שְׁפְּרַאךְ, מִיט דַיין קֶערְבֶּעלֶע פְּרוּכְט אוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וֶועט דִיר דִי וֶועלְט וֶוערְן מַמָּשׁ וִוי נַיי.

(לוֹיט דִי וֶוערְטֶער פוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בָּשָׂר וְחָלָב ד' אוֹת י"ג)

**אַ גוּט שַׁבָּת, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## טייערע קינדער

בשעת ענק זאגן די קליינע תפלה אויף ראש השנה, טרעף די ווערטער אינעם קעסטל:

"באשעפער, שטיי צו אונזער הילף מיר זאלן זוכה זיין (8) צעברעכן אלע מניעות, זוכה זיין קומען צו די אמת'ע (20) צדיקים אויף ראש השנה און זיך מקשר זיין צו זיי מיט אן אמת, און זוכה זיין בשלמות צו ריינע (19) געדאנקען און מחשבות."



# גֶעוָוארְן אַ רֶבִּי בַּיי דְרַיי אַכְצֶען יָאר

*המשך פון פאריגע וואך*

*ר' יוּדְל עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דַאשִׁיב, דַאשִׁיב אִיז לֶעבְּן אוּמַאן, אוּן צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז דָאס וַוייט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וִוי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי וַוייט פוּן אַ רֶבִּי'ן"?! אִיז עֶר אַרוֹיס וואוֹינֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִין אֵיין שְׁטָאט, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג!*

~ ~ ~

ר' יוּדְל פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - נָאכְן רֶבִּי'נְס הִסְתַּלְּקוּת, פְלֶעגְט עֶר פְרִיעֶר פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן זַיין סִיפּוּר וִויאַזוֹי עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן פַאר ר' הִירְשׁ לֵייבּ דֶעם רָב פוּן בְּרֶסְלֶב.

הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי זַיין הִתְקָרְבוּת אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען, אַז נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז אַרוֹיס קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע וואוֹינֶען, אִיז עֶר אָפְּגֶעזֶעצְן פִּינֶעף - זֶעקְס וָואכְן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, דָאס הֵייסְט אַ 'תַּלְמִיד' - עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, נִישְׁט אַזוֹי סְתַּם, נָאר אִיז עֶר אָפְּגֶעוֶוען אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע פִּינֶעף - זֶעקְס וָואכְן, אוּן יֶעדְן טָאג אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן!

הָאט דֶער 'בַּעַל דָּבָר' גֶעמַאכְט אַזַא מִין גֶעשֶׁעפְט, [עֶר הָאט אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם] וָואס רֶעדְט 'לָשׁוֹן הָרָע' מִיט אַ 'רְכִילוּת' - אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אֵיינֶער צוּ ר' יוּדְלֶ'עןְ, אוּן זָאגְט אִים; וָואס גֵייסְטוּ אַלֶעמָאל צוּם רֶבִּי'ן?! דֶער רֶבִּי וִויל דִיר נִישְׁט לַיידְן! אַלֶע טָאג גֵייסְטוּ אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן?! דֶער רֶבִּי וִויל דִיר נִישְׁט לַיידְן!! - ס'אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ שֶׁקֶר.



ר' יוּדְל אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין, גֶעוַואלְד - "אִיךְ וִויל דָאךְ אֱמֶת! אִיךְ וִויל דָאךְ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן! אִיךְ מֵיין דָאךְ אֱמֶת"!!! אִיז עֶר דְרַיי טֶעג נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן! דוּרְךְ דֶער לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען הָאט אָנְגֶערֶעדְט.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען; "וָואס זָאל אִיךְ טוּן? - אִיךְ וִויל דָאךְ פָּארְט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן"! אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, וִוי נָאר עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים; "אַז מֶען וִויל זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם אֱמֶת, אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דֶער שֶׁקֶר, אָבֶּער אַז מ'שְׁטַארְקְט זִיךְ - וֶוערְט נִתְהַפֵּךְ פוּן 'שֶׁקֶר' אוֹיף 'קֶשֶׁר'! הֶעסְטוּ שׁוֹין זַיין צוּ מִיר מְקֻשָּׁר וִוי לַאנְג דוּ וֶועסְט לֶעבְּן"!!!

פְלֶעגְט ר' יוּדְל אַלֶע יָארְן דֶערְצֵיילְן ר' הִירְשׁ לֵייבְּ'ן זַיין הִתְקָרְבוּת, אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְלָאזְן; אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר פַאר אַ יָאר אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה! אוּן בַּיי מִיר אִיז אָבֶּער זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלָאזְט 'דוּ וֶועסְט שׁוֹין זַיין צוּ מִיר מְקֻשָּׁר וִוי לַאנְג דוּ וֶועסְט לֶעבְּן'!! צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט נָאכְאַמָאל - אַלֶע יָארְן זַיין הִתְקָרְבוּת!

וָואס רֶעדְן מִיר דָא?! אַז דֶער רֶבִּי - בַּיי 'עֶטְלִיכֶע אוּן צְוָואנְצִיג יָאר' אִיז גֶעוָוארְן צוּ אִים מְקוּרָב אַ תַּלְמִיד פוּן ר' פִּנְחָס'ן!

~ ~ ~

דֶער שְׁוָוער פוּן דֶעם ר' יוּדֶל'ען הָאט גֶעהֵייסְן "רֶבִּי לֵייבּ טְרָאסְטִינֶעצֶער", אִיז דָא אַ מִכְתָּב, וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם

הַקָּדוֹשׁ הָאט גְעוָואלְט אַדוּרְכְפִירְן אַ זַאךְ, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ ר' לֵייבְּ'ן - אַז עֶר זָאל זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין מִיט ר' לֵייבְּ'ן, אַז נִישְׁט הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם נִישְׁט גֶעקֶענְט אַדוּרְכְפִירְן דִי זַאךְ! אַזוֹי גְרוֹיס אִיז גֶעוֶוען דֶער ר' לֵייבּ.

ר' לֵייבּ אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אוֹיףְ דִי שִׁיףְ! הָאט עֶר גֶעזָאגְט פָארְן נִפְטַר וֶוערְן דָארְט אוֹיפְן שִׁיףְ: "וֶוען מַיין אֵיידֶעם זָאל דָא זַיין, וָואלְט עֶר מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן"! עֶר הָאט גֶעמֵיינְט ר' יוּדְלֶען!

דָארְטְן אוֹיפְן שִׁיףְ טָאר מֶען דָאךְ נִישְׁט הַאלְטְן קַיין נִפְטַר, הָאט מֶען אִים צוּגֶעבּוּנְדְן צוּ אַ בְּרֶעט, מֶען הָאט אִים אַרָאפְּגֶעלָאזְט, אִיז דָאס בְּרֶעט צוּגֶעשְׁווּימֶען צוּ אַ שְׁטָאט, אוּן אִין דֶער שְׁטָאט הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן אַן 'עַמּוּדָא דְנוּרָא', אַ פַייעֶר-זוֹיל הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן קֶעגְן דֶער מִטָּה זַיינֶע, אִין שְׁטָאט הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן גֶעזֶען אַן 'עַמּוּדָא דְנוּרָא', הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אִיז וואוּ זָאל מֶען אִים בַּאעֶרְדִיגְן?!

הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דָארְטְן בְּקַבָּלָה פוּן אַ גֶעשְׁרִיבֶּענֶע פִּנְקָס [אַ בִּיכְל פוּן דִי קְהִלָּה], אַז אֵיינֶער אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן פַאר הוּנְדֶערְטֶער יָארְן צוּרִיק אוּן עֶר הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֵייגְן לֶעבְּן אִים - נָאר דֶער וָואס עֶס וֶועט זִיךְ בַּאוַוייזְן בַּיי זַיין מִטָּה אַן עַמּוּדָא דְנוּרָא.

לִיגְט דָארְטְן ר' לֵייבּ בַּאעֶרְדִיגְט אִין דֶער שְׁטָאט נֶעבְּן יֶענֶעם צַדִּיק. דָאס אִיז אַלְץ רְאָיוֹת ווִי גְרוֹיס ר' יוּדְל אִיז גֶעוֶוען, אַז דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעזָאגְט "וֶוען מַיין אֵיידֶעם זָאל דָא זַיין - וָואלְט עֶר מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן"! אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער אַזוֹיפִיל יָארְן, אוּן עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶערְמַאן!

בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיףְ אִים אַ קוּק גֶעטוּן, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערוּקְט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ גְלַייךְ מִיט דִיר?! נָאר אִיךְ בִּין נָאר קְלוּגֶער פוּן דִיר"!

דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּרִיק צוּגֶעצוֹיגְן צוּ זִיךְ מִיט רֵייד, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי ווַייטֶער גֶעגֶעבְּן אוֹיףְ אִים אַ קוּק, הָאט עֶר זִיךְ ווַייטֶער דֶערְשְׁרָאקְן, הָאט עֶר ווַייטֶער אָפְּגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, הָאט דֶער רֶבִּי אִים ווַייטֶער צוּגֶעצוֹיגְן מִיט רֵייד.

"וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ גְלַייךְ מִיט דִיר?! נָאר אִיךְ בִּין אַ חָכָם יוֹתֵר מִמְּךָ! - אִיךְ בִּין מֶער קְלוּגֶער פוּן דִיר"! בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן הָאבְּן וִּדּוּי דְּבָרִים.

דָאס אִיז אַלְץ רְאָיוֹת. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע רְאָיוֹת צוּ דֶעם רֶבִּי'נְס גְרוֹיסְקַייט, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן - אַז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דֶערְצֵיילְן, וֶועלְן מִיר אַבִּיסֶעלֶע מַסְבִּיר זַיין דֶעם עֵרֶךְ דֶערְפוּן - פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ - אַז אַ יוּנְגֶערְמַאן פוּן עֶטְלִיכֶע אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, וֶוערְט צוּ אִים מְקוּרָב אַ 'צַדִּיק' - וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי ר' פִּנְחָס'ן אַלֶע יָארְן אַ תַּלְמִיד, אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוֶוען - אַז זַיין שְׁוֶוער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַ 'חַבֵר' מִיטְ'ן בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ אוּן הָאט עֶר אוֹיףְ אִיהם גֶעזָאגְט "אַז וֶוען עֶר זָאל וֶוען דָא זַיין וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעלָאזְט אַז אִיךְ זָאל נִסְתַּלֵּק וֶוערְן", אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַזַא מִין בִּיטוּל!!! קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסֶעלֶע דֶעם רֶבִּי'נְס גְרוֹיסְקַייט - נָאךְ פַאר דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! בַּיי 'אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר' בַּיי 'צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר'!

# לעובדא ולמעשה

וועֶן הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוֹוִיץ זַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַרֶעסְטִירְט אִין רוּסְלַאנְד אִיז עֶר אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרע נִסְיוֹנוֹת צוּ קֶענֶען עֶסְן כָּשֵׁר'ע עֶסְן, וַוייל עֶר אִיז נֶעבֶּעך גֶעזֶעצְן עֶלְנְד אִין אַ קְלֵיין צִימֶערְל וואוּ מֶען פְלֶעגְט אִים יֶעדְן טָאג אַרייִנְשִׁיקְן עֶסְן וָואס עֶר הָאט קְלָאר גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז טְרֵייף. זַייעֶנְדִיג



אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט נָאךְ לַאנְגֶע טֶעג נִישְׁט עֶסְן אוּן דִי טֶעלֶער אִיז גֶעלֶעגְן פָארְנְט פוּן אִים אִיז דֶער נִסָיוֹן גֶעוֶוען עַד אֵין לְשַער, אָבֶער ר' שְׁמוּאֵל אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן נִסָיוֹן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גְבוּרָה. מִיט דֶער צַייט הָאט עֶר גֶע'פוּעֶלְ'ט מֶען זָאל אִים נִישְׁט אַרייִנְשִׁיקְן דִי עֶסְן, עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם נִסָיוֹן, מִיט דֶעם אַלֶעם שְׁרַייבְּט ר' שְׁמוּאֵל יָארְן שְׁפֶּעטֶער אַז דִי שְׁוֶועֶרע יָארְן וָואס עֶר אִיז אָפְּגֶעזֶעצְן אַלֵיין אִין תְּפִיסָה אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים זֵייעֶר אַ טַייעֶרֶע צַייט אוּן עֶר אִיז אַסַאךְ גֶעשְׁטִיגְן אוּן נֶענְטֶער גֶעוָוארְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער - פוּן דֶעם זַאךְ אַלֵיין צוּ זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן. עֶר שְׁרַייבְּט אַז עֶר הָאט דֶעמָאלְס גֶעזֶען דֶעם כֹּחַ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט "אַז סְאִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס", עֶר הָאט אַייִנְגֶעזֶען אַז אֲפִילוּ זַיין אַלֵיין כָאטְשׁ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין עֶקְסְטֶערֶע דִיבּוּרִים, אַז מֶען זִיצְט מִיט זִיךְ אוּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוּן מַאכְט אִים נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער (ימי שמואל א')

וועֶן הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר'ל הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל עֶנְגְלִישׁ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט קֶענֶען אַבִּיסְל דִי שְׁפְּרַאךְ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאט גֶעזֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט וֶועגְן דִי "שִׁבְעִים לָשׁוֹן" דִי טוּמְאָה וָואס דִי זִיבֶּעצִיג שְׁפְּרַאכְן פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם גִיבְן אַרַיין אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף דֶעם אוּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ.

הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'מְמוּנֶה', אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'גִבּוֹר'! - אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן [פוּן] דִי 'לַייט' [מֶענְטְשְׁן] פוּן דֶעם 'גִבּוֹר': "אוֹיבּ ס'אִיז מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט אִים"?!

הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "[אַז] זֵיי וֶועלְן מֶעלְדֶעוֶוען [אִים מוֹדִיעַ זַיין, אוּן אִים פְרֶעגְן]"! הָאבְּן [זֶענֶען] זֵיי [גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן אִים] גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעפְרֶעגְט]! הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אִים אַרַיינְלָאזְן [גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אַרַיינְצוּגֵיין]"!

אִיז דֶער 'מְמוּנֶה' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'גִבּוֹר'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ - אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע - דֶערְקֶענְט!

אִיז צְווִישְׁן זֵיי גֶעוֶוען, [גְרוֹיסֶע] 'שִׂמְחוֹת' אוּן 'בְּכִיּוֹת', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט - פֶּרֶק ט אוֹת א]! - (דְהַיְינוּ: זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען, [אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ גֶעפִינֶען [צוּ טְרֶעפְן] אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן! - אוּן הָאבְּן ווִידֶער זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: "ווִי נֶעמְט [ווִיאַזוֹי גֶעפִינְט] מֶען נָאךְ דִי 'אִיבְּרִיגֶע לַייט' [פוּנֶעם 'מֶלֶךְ'], הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]")!

הָאט דֶער 'גִבּוֹר' זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם 'מְמוּנֶה': "אוּנְזֶער כָּשֵׁר'ער 'בַּעַל-תְּפִילָה', אִיז אוֹיךְ דָא! - אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין [אוֹיךְ] גֶעזֶעהְן! - אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ 'מֶלֶךְ'"!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה' דֶערְצֵיילְט [פַאר] דֶעם 'גִבּוֹר':

"אַז עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער 'אַלֶע'!

דְהַיְינוּ: אִיבֶּער דֶעם 'אָרְט' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', מִיט [אוּן אוֹיךְ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן] דִי '[אַלֶע] לַייט', הַנַ"ל! - נָאר אִיבֶּער 'זֵיי בֵּיידֶע', אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען - דְהַיְינוּ: אִיבֶּער דֶעם 'אָרְט' פוּן דֶעם 'בַּעַל-תְּפִילָה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען"!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה' גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם 'גִבּוֹר':

"מִכֹּחַ 'דֶער מְדִינָה' - וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גֶעוָוארְן, אוּן זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גֶעוָוארְן, אִין דֶעם 'גֶעלְט' - בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין 'אַזוֹינֶע נַארִישְׁקַייט'"!

הָאט דֶער 'גִבּוֹר' גֶעעֶנְטְפֶערְט [פַאר] דֶעם 'מְמוּנֶה', דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם 'בַּעַל-תְּפִילָה'

"אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ': אַז וֶוער ס'פַאלְט אַרַיין אִין דֶער 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט' - קֶען מֶען אִים בְּשׁוּם-אוֹפֶן נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן - נָאר דוּרְךְ דֶעם 'וֶועג' וְכוּ' [וָואס ס'פַארְהַאנֶען צוּם 'שְׁוֶוערְד' - וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער 'גִבּוֹר' דִי כֹּחַ פוּן זַיין 'גְבוּרָה'], כַּנַ"ל.

הָאבְּן זֵיי ווַייטֶער 'מַרְחִיב זְמַן' גֶעוֶוען - דְהַיְינוּ: [אַז] דֶער 'מְמוּנֶה' הָאט גֶעפּוֹעֶלְט בַּיים 'גִבּוֹר': "אַז עֶר זָאל 'דֶער מְדִינָה', נָאךְ גֶעבְּן אַ צַייט ווַייטֶער. הָאט זֵיי דֶער 'גִבּוֹר': "גֶעגֶעבְּן, נָאךְ אַ צַייט דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט 'סִימָנִים' צְווִישְׁן זִיךְ - דֶער 'מְמוּנֶה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר'!

אוּן דֶער 'מְמוּנֶה', אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם 'גִבּוֹר'! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט] אִין דֶער 'מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]' אַרַיין!

(אוּן דֶער 'מְמוּנֶה' - פְּלֶעגְט זֵיי בְּוַודְאַי אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטְרָאפְן: "אוֹיף זֵייעֶר 'שְׁלֶעכְטְן וֶועג' וָואס זֵיי זֶענֶען [אַזוֹי שְׁטַארְק] אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם '[תַּאֲוָה פוּן] גֶעלְט'"! - נָאר עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפִירְן דֶערְפוּן - וָוארְן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דֶערִינֶען, זֵייעֶר אַיינְגֶעווָוארְצְלְט [אַיינְגֶעזִינְקֶען] גֶעוֶוען!

נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט - מַחֲמַת דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָה' אוּן [אוֹיךְ] דֶער 'מְמוּנֶה', הָאבְּן שׁוֹין מִיט זֵיי פִיל גֶעשְׁמוּעֶסְט - זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַבִּיסְל מְבוּלְבָּל

[צומישְׁט] גֶעוָוארְן! – און זֵיי פְּלֶעגְן זָאגְן: ״אַדְרַבָּא! נֶעמְט אונְז אַרוֹיס דֶערְפוּן. כָאטְשֶׁע זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אִין זֵייעֶר 'נַארִישֶׁער־דֵיעָה', און הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר [שְׁלֶעכְטֶער] 'נַארִישְׁקַייט'! – נָאר זֵיי פְּלֶעגְן שׁוֹין פָּארְט זָאגְן, אַז [וֶוען] מְ'הָאט זֵיי גֶעשְׁטְרָאפְט [גֶעזָאגְט מוּסָר]: ״אַדְרַבָּא! אַז ס'אִיז יָא אַזוֹי, אַז מִיר זֶענֶען אִין 'טָעוּת' – נָא נֶעמְט אונְז אַרוֹיס פוּן אונְזֶערֶע 'נַארִישְׁקַייט'״)!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה', זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ 'דֶער מְדִינָה':

״אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ 'עֵצָה' (אַקֶעגְן דֶעם 'גִבּוֹר')! – וָוארְן אִיךְ וֵוייס דֶעם 'כֹּחַ' פוּן דֶעם 'גִבּוֹר', פוּן וַואנֶעט עֶר נֶעמְט זַיין 'גְבוּרָה'״!

און [עֶר] הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט: ״דִי זַאךְ פוּן דֶער 'שְׁוֶוערְד' הַנַ״ל, וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער 'גִבּוֹר' [דִי כֹּחַ פוּן] זַיין 'גְבוּרָה'״!

״בְּכֵן (דֶערִיבֶּער)! וֶועל אִיךְ מִיט אַייךְ גֵיין, צוּ דֶעם 'אָרְט' [פְּלַאץ] פוּן דֶער 'שְׁוֶוערְד' הַנַ״ל – און דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר קֶענֶען בַּאשְׁטֵיין אַקֶעגְן דֶעם 'גִבּוֹר'! – (וָוארְן אִיךְ וֶועט זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ נֶעמֶען 'גְבוּרָה' פוּן דָארְט)״!

און דִי 'כַּוָונָה' פוּן דֶעם 'מְמוּנֶה' אִיז גֶעוֶוען: ״אַז [וֶוען] זֵיי וֶועלְן שׁוֹין אַהִינְקוּמֶען צוּ דֶעם 'אָרְט' פוּן דֶער 'שְׁוֶוערְד' – וֶועלְן זֵיי זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט'״!

(וָוארְן דוּרְךְ דֶעם [דָאזִיגְן] 'וֶועג' וָואס ס'אִיז [פַארְהַאן] צוּ דֶער 'שְׁוֶוערְד' – דוּרְכְדֶעם נֶעמְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶער 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט', כַּנַ״ל.

הָאט 'דִי מְדִינָה', צוּגֶענוּמֶען זַיין 'עֵצָה'! – און הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט [מִיט אִים] דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט' פוּן זֵיי, וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גֶעוֶוען 'גָאטְן' – אַז זֵיי זָאלְן אִינְאֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה', צוּ דֶער 'שְׁוֶוערְד' הַנַ״ל.

(און דִי 'גָאטְן', דְהַיְינוּ: דִי 'עֲשִׁירִים' זֵייעֶרֶע, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה' – זֶענֶען בְּוַודַאי גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטָאן אִין [מִיט] 'צִירוּנְג' פוּן 'גָאלְד' און 'זִילְבֶּער' – וָוארְן דָאס אִיז זִיךְ [דָאךְ] בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר גֶעוֶוען)!

זֶענֶען זֵיי אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען – דֶער 'מְמוּנֶה', מִיט דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה' וָואס זֵיי הֵייסְן בַּיי זֵיי 'גָאטְן'!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה', מוֹדִיעַ גֶעוֶוען דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ צוּם 'גִבּוֹר': ״בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר גֵייט מִיט זֵיי זוּכְן, דָאס 'אָרְט' [פְּלַאץ] פוּן דֶער 'שְׁוֶוערְד'! – און [אַז] זַיין כַּוָונָה אִיז: – טָאמֶער וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אִין [אִינְמִיטְן] וֶועג, צוּ גֶעפִינֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט דִי לַייט [זַיינֶע]״! הָאט זִיךְ דֶער 'גִבּוֹר' אָנְגֶערוּפְן [צוּם 'מְמוּנֶה']: ״אִיךְ וֶועל אוֹיךְ גֵיין מִיט דִיר״!

הָאט זִיךְ דֶער 'גִבּוֹר' פַארְשְׁטֶעלְט (כְּדֵי דִי 'לַייט' וָואס זֵיי גֵייעֶן מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה', זָאלְן נִישְׁט ווִיסְן אַז עֶר אִיז דָאס דֶער 'גִבּוֹר' אַלֵיין)! – און אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען (דֶער 'מְמוּנֶה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר'): ״[אַז] זֵיי וֶועלְן דָאס מוֹדִיעַ זַיין דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אוֹיךְ״! הָאבְּן זֵיי אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען! הָאט זִיךְ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אָנְגֶערוּפְן: ״[אַז] עֶר ווִיל אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי״! אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' צוּ זֵיי גֶעגַאנְגֶען!

און דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' הָאט אָנְגֶעזָאגְט 'זַיינֶע לַייט',

אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען: ״אַז זֵיי זָאלְן דֶערוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין: אַז 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' זָאל זֵיי מַצְלִיחַ זַיין זֵייעֶר וֶועג! אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעפִינֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט דִי 'לַייט'. וָוארְן דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' פְלֶעגְט תָּמִיד דֶערוֹיף מִתְפַּלֵל צוּ זַיין: ״אַז ס'זָאלְן זִיךְ אָפְּזוּכְן דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט דִי 'לַייט' [זַיינֶע]״! – און [עֶר] פְלֶעגְט תָּמִיד הֵייסְן [פַאר] 'זַיינֶע לַייט': ״אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ דֶערוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין״! – און עֶר הָאט זֵיי

גֶעמַאכְט 'תְּפִלּוֹת', וָואס זֵיי זָאלְן דֶערוֹיף מִתְפַּלֵּל זַיין!

אוּן אִיצְט ווִי [יֶעצְט וֶוען] עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ דֶעם 'מְמוּנֶה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', כְּדֵי זֵיי זָאלְן אִינְאֵיינֶעם גֵיין זוּכְן דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט 'זַיינֶע לַייט' – הָאט עֶר זֵיי נָאכְמֶער אָנְגֶעזָאגְט "אַז זֵיי זָאלְן דֶערוֹיף מִתְפַּלֵּל זַיין תָּמִיד, אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעפִינֶען זֵיי"!

אִיז דֶער 'בַּעַל-תְּפִלָּה' גֶעקוּמֶען, צוּ דֶעם 'מְמוּנֶה' מִיט דֶעם 'גִבּוֹר'! אִיז בְּוַודַאי צְווִישְׁן זֵיי גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה', 'שִׂמְחוֹת' אוּן 'בְּכִיּוֹת', כַּנַ"ל.

זֶענֶען דִי 'אַלֶע דְרֵיי', גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם! דְהַיְינוּ: דֶער 'מְמוּנֶה', אוּן דֶער 'גִבּוֹר', אוּן דֶער 'בַּעַל-תְּפִלָּה'! אוּן דִי 'גָאטְן', דְהַיְינוּ: דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט' פוּן דֶער מְדִינָה – זֶענֶען מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ 'מְדִינָה'! – אִיז דָארְטְן גֶעשְׁטַאנֶען 'וַוארְטֶעס' בַּיי דֶער 'מְדִינָה'! הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דִי 'וַוארְטֶעס': "וָואסְפַארַא 'מְדִינָה' אִיז דָאס?! אוּן וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער 'מֶלֶךְ'"?!

הָאבְּן דִי 'וַוארְטֶעס' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "כַּאֲשֶׁר [אַז] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער 'רוּחַ-סְעָרָה' אִיז גֶעוֶוען – וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי 'וֶועלְט' צוּטֵיילְט גֶעוָוארְן אוֹיף 'כַּמָּה כִּיתּוֹת' (דְהַיְינוּ: אוֹיף 'פִיל דֵיעוֹת' – וָואס 'אִיטְלֶעכֶע [יֶעדֶע] כִּיתָּה', הָאט גֶעהַאט אַ אַנְדֶערֶע דֵיעָה, כַּנַ"ל – דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי 'לַייט פוּן דֶער מְדִינָה' זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: אַז דֶער עִיקָר אִיז 'חָכְמָה' – אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ 'גְרוֹיסְן חָכָם', פַאר אַ 'מֶלֶךְ'!

נִישְׁט לַאנְג, הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען 'זֵייעֶר אַ ווילְד-גְרוֹיסְן חָכָם', וָואס עֶר אִיז 'מְשׁוּנֶה אַ גְרוֹיסֶער-חָכָם זֵייעֶר'!

הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ', מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי 'מְלוּכָה'!

הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! – וָוארְן בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר: 'חָכְמָה'.

הָאבְּן דִי 'דְרֵיי' גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'מְמוּנֶה', מִיט דֶעם 'גִבּוֹר', מִיט דֶעם 'בַּעַל-תְּפִלָּה'): אַז ס'הָאט אַ פָּנִים [ס'קוּקְט אוֹיס]: אַז דָאס מוּז זַיין 'אוּנְזֶער 'חָכָם' (דְהַיְינוּ: דֶער 'חָכָם' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'. הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן: "אוֹיב ס'אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז מְ'זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים"?!

הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] מְ'מוּז מֶעלְדֶעוֶוען [זֵיי וֶועלְן אִים מוֹדִיעַ זַיין, אוּן אִים פְרֶעגְן]"! זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעפְרֶעגְט]!

הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "זֵיי [זָאלְן] אַרַיינְגֵיין"!

זֶענֶען 'זֵיי', דְהַיְינוּ: דִי 'דְרֵיי' [(1) 'מְמוּנֶה'. (2) 'גִבּוֹר'. (3) 'בַּעַל-תְּפִלָּה'] – אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'חָכָם', וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ' אִין 'דֶער מְדִינָה'! הָאבְּן זֵיי זִיךְ – אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע – דֶערְקֶענְט!

וָוארְן דֶער 'חָכָם' – דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער 'חָכָם' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל. אִיז בְּוַודַאי דָארְט גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה', 'שִׂמְחוֹת' אוּן 'בְּכִיּוֹת' – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט: "ווִי גֶעפִינְט מֶען נָאךְ [ווִיאַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶעפִינֶען] דֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט דִי [אַלֶע] 'אִיבְּרִיגֶע' [פוּן זַיינֶע לַייט]"?!

הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט [פוּן] דֶעם 'חָכָם': "אוֹיב עֶר ווייסְט נִישְׁט פוּן דֶער 'יַד' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'"?! הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דִי 'יַד' אִיז בַּיי אִים"!

"נָאר זִינְט [פוּן] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם 'רוּחַ-סְעָרָה' – פוּן דֶעמָאלְט אָן, ווִיל עֶר גָארְנִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דֶער 'יַד' אַרַיין! – וָוארְן דִי 'יַד', קֶער [בַּאלַאנְגְט] נָאר צוּם 'מֶלֶךְ' אַלֵיין!

נָאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן דֶער 'יַד', אוֹיף אַ 'שְׁטֵיין'! – כְּדֵי ס'זָאל אִים אַבִּיסְל נוּצְן צוּ זַיין זַאךְ! – אָבֶּער אִין דֶער 'יַד' אַלֵיין, קוּקְט עֶר גָארְנִישְׁט אַרַיין"!

# דִי קְלֵיין מַטְבֵּעַ פַארְשְׁטֶעלְט



## דעם רבינ'ס משלים

דֶער מְנַהֵל פוּן חֵדֶר קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, עֶר הָאט אַ בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, "מָארְגְן וֶועט מֶען בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם פָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה. קִינְדֶער, עֶנְק הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן זִיךְ פַארְהֶערְט אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא אוֹיף אוֹיסְנְוֶוייְנִיג, עֶס קוּמְט זִיךְ עֶנְק אַ שֵׁיינֶעם שְׁפַּאצִיר."



אוֹיפְצוּמָארְגְנְס, דִי קִינְדֶער דְרַייעֶן זִיךְ צְוִוישְׁן דִי הֶערְלִיכֶע בֶּערְג, זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אָפּ בַּיי אַן אוֹיסְקוּק, פוּן דָארְט זֶעט מֶען הֶערְלִיכֶע פַּאנַארַאמֶעס, מֹשֶׁה'לֶע רוּפְט זִיךְ אָן: "כְ'הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע בֵּיימֶער!", יַענְקֶעלֶע רוּפְט אוֹיס מִיט וואוּנְדֶער: "קוּק דָארְט אוּנְטְן צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג פְלִיסְט אַ קְוַואל וַואסֶער וָואס טְרִינְקְט אָן דִי פֶעלְדֶער!" אוּן נַחְמָן רוּפְט אוֹיס: "קוּק דָארְט צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג וִוי עֶס וַואקְסְן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע גְרָאזְן אוּן זֶעלְטְן שֵׁיינֶע הוֹיכֶע בַּאצוֹיבֶּערְטֶע בֵּיימֶער!"

דִי קִינְדֶער זֶענֶען פוּל מִיט עֶקְסְטַאז [איבערראשונג] צוּ זֶען דִי מֶעכְטִיגֶע בֶּערְג אוּן רִיזְן פֶעלְזְן שְׁטֵיינֶער. זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל פְרִיעֶר נִישְׁט גֶעזֶען אַזֶעלְכֶע שְׁטֵיינֶערְנֶע בֶּערְג. עֶרְשְׁטוֹינְט שְׁפַּאצִירְן זֵיי אַרוּם, וֶוען זֵייעֶרֶע אוֹיגְן בַּאגֶעגֶענֶען פְלוּצְלוּנְג אַ רִיזְן מֶעכְטִיגֶע בַּארְג וָואס זַיין הֵייךְ קוּקְט אוֹיס וִוי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט.

"וַואה, קוּק קוּק!" שְׁרַייעֶן זֵיי אוֹיס אִיבֶּערְרַאשְׁט. "דֶער בַּארְג גֵייט בִּיזְן הִימְל... כְ'מֵיין אַז עֶס נֶעמְט אַפָּאר יָאר צוּ דֶערְגְרֵייכְן דֶער שְׁפִּיץ!"

זֵיי ווילְן נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען קַיין אוֹיג פוּנֶעם בַּארְג אֲפִילוּ פַאר אֵיין סְקוּנְדֶע, נִישְׁט יֶעדְן טָאג בַּאגֶעגְנְט מֶען אַזֶעלְכֶע בֶּערְג.

צְוִוישְׁן אַלֶע קִינְדֶער הָאט אֵיין יוּנְגְל אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פוּן וָואס עֶנְק רֶעדְן דָא מִיט אַזָא הִתְפַּעֲלוּת. אִיךְ זֶע גָא--ארְנִישְׁט, נִישְׁטָא קַיין אֵיין בַּארְג..."

דִי קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף אִים אַ בְּלִיק. זֵיי בַּאטְרַאכְטְן זַיין פָּנִים אוּן רוּפְן אוֹיס, "זִיכֶער זֶעסְטוּ גָארְנִישְׁט, הָאסְט אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְצֶע בְּרִילְן. וָואס הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט, אַז סְ'אִיז דוּרְכְזִיכְטִיג?! דִי שְׁוַוארְצֶע בְּרִילְן שְׁטֶערְן דִיר צוּ זֶען דִי הֶערְלִיכֶע זַאכְן וָואס מִיר זֶעעֶן דָא. אַלֶעס אִיז דִיר פַארְשְׁטֶעלְט, נֶעם אַרָאפּ דִי בְּרִילְן וֶועסְטוּ זֶען אַ הוֹיכֶע בַּארְג וָואס אִין דַיין לֶעבְּן הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעזֶען אַזָא שֵׁיינְקַייט."

המשך אויף זייט 10

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמואל מרדכי שפירא הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יחזקאל גאטליב הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעול תורה ומצות

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יצחק משי זהב הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב











המשך פון די לעצטע זייט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז אַ מָשָׁל אַז סְ'אִיז פַּארְהַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גְרוֹיסֶע זוּן וֶועלְכֶע שַׁיינְט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז פַּארְהַאן אַ גְרוֹיסֶע בַּארְג, וָואס טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער שְׁטֵיין פוּן דֶערְוַוייטֶנְס אוּן לֵייגְן אִיבֶּער זַיין אוֹיג אַ קְלֵיין מַטְבֵּעַ, וֶועט עֶר נִישְׁט זֶען דֶעם גְרוֹיסְן בַּארְג, טְרָאץ דֶעם וָואס דֶער בַּארְג אִיז טוֹיזְנְטֶער מָאל גְרֶעסֶער פוּן דֶער מַטְבֵּעַ.

דֶער נִמְשָׁל פַּארְשְׁטֵייעֶן מִיר אַלֵיין אַז יֶעדֶעס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין, אֲפִילוּ וֶוען מֶען לֶערְנְט אֵיין קְלֵיינֶע מִשְׁנָה, אַן 'אָמֵן', אָדֶער מֶען אִיז מְוַותֵּר פַּאר אַ חַבֵר, מֶען רֶעדְט אַרוֹיס עֶפֶּעס אַ וָוארְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָא אוּנְטְן קוּקְט עֶס אוֹיס פִּיצְל קְלֵיין אָבֶּער אוֹיבְן אִיז עֶס רִיזִיג גְרוֹיס, עֶס דֶערְגְרֵייכְט בִּיז צוּם הִימְל. מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן אִיר וֶוערְד, סְ'אִיז אַסַאךְ טַייעֶרֶער פוּן דִי גֶעלְט אוּן כָּבוֹד פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

נָאר וָואס דֶען? דִי גַשְׁמִיוּת פוּן דֶער וֶועלְט דֶעקְט אִיבֶּער דִי רוּחָנִיוּת וִוי שְׁוַוארְצֶע בְּרִילְן אַזוֹי אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זֶען דִי גְרוֹיסֶע לִיכְט פוּן דִי מִצְוָה. דֶערְפַאר מַאכְט זִיךְ אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט אוּן פְרֵיילִיךְ בַּיים טוּן דִי מִצְוֹת. וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ קֶענֶען רִיכְטִיג אָפְּשַׁאצְן דִי טַייעֶרְקַייט פוּן דִי מִצְוֹת? מִיר זָאלְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי אַלֶע עוֹלָם הַזֶה'דִיגֶע שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין קוּקְן אוֹיפְן רוּחָנִיוּת מִיטְן רִיכְטִיגְן בְּלִיק.

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעווטע מעשה - דער בעל תפילה (11)

**א. וואס איז געווען ווען ער האט זיך געטראפן מיט דעם גבור?**
- ❑ גרויסע שמחות
- ❑ געוויין
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. אויף וועלכע פלעצער איז דער ממונה נישט אריבער?**
- ❑ דעם בעל תפלה און דעם גבור
- ❑ דעם מלך און די מלכה
- ❑ דעם חכם און דעם מליץ

**ג. וואס ענטפערן די מדינה של עשירות פאר דער ממונה ווען ער פרובירט זיי איפוווייזן דעם אמת?**
- ❑ אונז ווילן נישט הערן
- ❑ אדרבה נעמט אונז ארויס פון אונזער נארישקייט
- ❑ זיי האבן גלייך אפגעלאזט תאוות ממון

**ד. וועלכע עצה האט זיי דער ממונה געגעבן?**
- ❑ אז מ'זאל גיין צום יד פון דעם חכם
- ❑ אז מ'זאל גיין צום בויגן פון דעם גבור
- ❑ אז מ'זאל גיין צום פלאץ פון דעם שווערד

**ה. ועמען האבן זיי מיטגעשיקט מיט דעם ממונה?**
- ❑ די עשירים וואס זענען ביי זיי גאטין
- ❑ די ארימע לייט וואס זענען ביי זיי חיות
- ❑ די פשוטע מענטשן

**ו. שאלת זכות: וואס איז געווען די כוונה פון דעם ממונה מיט'ן גיין צום שווערד?**
- ❑ צו ארויס נעמען די מדינה של עשירות פון תאוות ממון
- ❑ צו טרעפן דעם מלך מיט זיינע מענטשן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואוסט אז דער גבור איז מיט זיי?**
- ❑ זיכער
- ❑ נאר איינער האט געוואוסט
- ❑ זיי האבן נישט געוואוסט

**ח. וואס האט דער בעל תפלה געטוהן ווען ער האט געהערט אז זיי גייען?**
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ דאווענען
- ❑ ער איז צוריק ארויס חוץ לישוב
- ❑ ער איז אויך געגאנגען מיט זיי

**ט. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**י. פארוואס האט דער חכם נישט אריינגעקוקט אין די יד?**
- ❑ ווייל ער איז געווען בצער פון די רוח סערה
- ❑ ווייל דאס איז נאר פאר'ן מלך
- ❑ ווייל ער האט נישט געהאט די יד

**יא. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

**ווער פון די אנשי המלך זענען געגאנגען דער ערשטער אויפן וועג צום שווערד? און וויפיל אנשי המלך זענען געגאנגען צוזאמען?**

### תשובות אויף פאריגע וואך

אין וועג וואס די שלוחים פון די מדינה של עשירות זענען געגאנגען און זיי האבן געטראפן דער ממונה אויף די אוצרות – זיי זענען געגאנגען אויף זייער וועג וואס זיי האבן געוואלט גיין? **זיי זענען פארבלאנדזשעט געווארן**

**געווינער אויף בעל תפלה 9 איז הילד החשוב ישראל יוסף ווייס ירושלים טעלעפאן ***6363**

**געווינער אויף בעל תפלה 10 איז טעלעפאן נומער ****33641 ביטע רופן אין טעליין צו איבערלאזן דיין נאמען**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

בס"ד

# מתמידים והודעתם לבניך

## עפנט אויף אירע טויערן

## מיט פרישע איבערראשונגען



**אמעריקע**
646-585-2977

**ענגלאנד**
020-376-97807

**ארץ ישראל**
073-351-7202




א געשמאקע מתמידים פאר יעדע ברסלב'ע אינגל איבער דער וועלט.

פרישע נייע סופרייזעס / איבערראשונגען צום נייעם זמן.

גורלות, מתנות, סיומים פאר די טייערע קינדער.

פרישע מעשיות טעגליך דערציילט דורך חשוב'ע ברסלב'ע אינגעלייט

א מנין אינגעלייט לייגן אריין בעז"ה כוחות אז יעדעס אינגל זאל באקומען זיין אוצר / נקודה.

געשמאקע שיעורים, הלכה, חיזוק, מדות און סיפורי מעשיות און נאך.

און אינהאלטסרייכע חברים שטיבל.